געהאט אלע מעלות פאר חזנות, האט שנעל געווינען דעם רעספעקט פון זיין קהלה.

ווען ער האט אויף דער עלטער אויפגעגעבן זיין פלאץ אלס חזן פון די „נעדערלי און קלארקסטאן שוהל" אין גלאזגאו, האט ער זיך מיט זיין פרוי און זוהן באזעצט אין בארנמוט און געווען חזן אין די „בארמאנדי" און „גרין פארק" האטעלן. די דארטיקע יידן וועלן שטענדיק געדענקען זיינע הארציקע תפלות געזינגען טראדיציאנעל און מיט געפיל, אבער מער פון אלע וועלן יידישע אקטיארן דערמאנען זייער חבר, וועלכער האט ביים שפיץ פון זיין קאריערע, ווען ער האט גאסטראלירט איבער דער גאנצער וועלט און זיינע רעקארדס זיינען געשפילט געווארן אין יעדער יידישער היים, אויפגעגעבן דעם טעאטער צו דינען זיין פאלק אלס חזן.

הערמאן פעניגשטיין איז אוועק פון אונזער וועלט אין דער עלטער פון 78 יאר און געלאזט א טיפן טרויער אין די הערצער פון אלע וואס האבן אים געקענט אלס זייער רעווערענד, ער וועט אבער אויך קיינמאל נישט פארגעסן ווערן פון זיינע חברים שוישפילער אלס גרויסער קינסטלער פון יידישן טעאטער.

עלא זילבערג

## נ י י נ צ י ק ס ט ע ר   ג ע ב ו ר ט ס ט א ג

דעם ליבן פריינט חיים נח בענקוויטש

צו דעם געבורטסטאג,
ווינטש איך מיין פריינט,
ער זאל זיך האלטן ביז הונדערט,
אזוי מוטיג ווי היינט.

ער זאל אונז דערקוויקן,
מיט ווערטער און ליד,
פון אמאליקע צייטן,
באשרייבן דעם ייד.

פון ניינציג ביז הונדערט,
איז נאר א קורץ שפאן,
ווען אין הארצן איז גלויבן,
און האפנונג פאראן.

דער פונק פון ישראל,
באלייכטן זיין וועג,
ער זאל נאך פארברענגען,
פיל גליקליכע טעג.

יידישער וועלט-קאנגרעס (יידישער קאמיטעט) און פאריין פון יידישע זשורנאליסטן

**פ א ר ז א מ ל ו נ ג**

**זונטיק, דעם 18־טן פעברואר, 1973, פונקט 3 א זייגער**

**אין**

21, DEAN STREET, LONDON, W.1

1. היינריך היינע—צו זיין 175־טן געבוירנטאג — י. זאנטאג
2. ה. לייוויק—10־טער יארצייט — י. א ליסקי
3. ח. נ. ביאליק—צו זיין 100-טן געבוירנטאג — ד״ר עליזאבעט עפלער

פארזיצער: יוסף פרענקעל

איינטריט פריי — קומט אין צייט

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

2־3 (העפט 10־409) 34־סטער יאר פעב־מערץ 1933 לאנדאן

א י נה א ל ט:

ערב-שבתדיקע ווייטשעפל-גראמען ** 3
אלץ צוליב א שלח־מנות (דערציילונג) שמואל וווהייט 14
פארוואס איז זאלץ ביליק און בראנפן טייער (פון דער סעריע: טיפן פון מיין שטעטל זאקראטשים) ........ יאקוב דזערגאווסקי 15
מרים און אירע פופעס פון ישראל ........ דוד בערמאן 16
לבדי — אליין (ליד יידיש פון דר. מאיר גערטנער) חיים נחמן ביאליק 18
ביאליק אין יידיש, דער שורש ........ א. נ. שטענצל 19
אבי השור (דערציילונג) ........ ש. י. עגנון 24
חיים נח בענקוויטש צו זיין ניינציקסטן געבוירן־יאר. אייזיק גאלדבערג 31
לאנדאנער קולטור ידיעות

**יידיש ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס יעדן שבת 3 א זייגער הענריקעס סטר. 32, א.1.**

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 7 *Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דר. בן-עמי דירעקטאר פון העברעאישן אוניווערזיטעט אינם פאלקלאר־אפטיילונג, געפינט זיך יעצט אין לאנדאן מכוח די צוגרייטונגען פונם בוך : לאנדאנער יידישער פאלקלאר—ספרדישן און אשכנזישן.

• • •

דר. יעקב מייטליס פארט אויף א לענגערע צייט קיין ישראל. ער האט פארענדיקט זיין וויסנשאפטלעכע ארבעט פאר דער יידיש אקאדעמיע פון וויסנשאפט ביי דער ירו־שלימער אוניווערזיטעט.

• • •

די דיכטערין עלא זילבערג געפינט זיך אויף א נסיעה אין ישראל.

דער באקאנטער חזן ברוך סמוס איז אויף א נסיעה אין ישראל.

• • •

אויף דער לעצטער פארזאמלונג פון דער בונדישער גרופע האט לוציאן בליט גע־האלטן א פארטראג איבער דער פאליטישער לאגע פון לינקע פארטייען איצט אין ענג־לאנד.

• • •

אברהם ריכטיקער, א לאנג אנפירנדיקע פערזענלעכקייט און קולטור־טוער ביי דער פועלי־ציון אין ענגלאנד, איז געשטארבן. חבל על דאבדין.

• • •

די יידישע חדרים און די אגודה פירן אויף א פורים־שפיל דינסטיק און מיט־וואך פאר פורים 7.30 אין הארנזע-טאנהאל.

---

איינלאדונג צו א רעפעראט א.ד.ט.

### „פראנצויזישע יידן — אמאל און היינט"

רעדנער :

# יחזקאל קארנהענדלער

(שרייבער און פאריז־פארשער)

**זונטיק, דעם 25־טן מערץ, 1973, פונקט 3 א זייגער**

אין

21, DEAN STREET, LONDON, W.1

פארזיצער : **יוסף פרענקעל**

באגריסונגען, פראגן און דיסקוסיע

---

איינטריט פריי — קומט אין צייט

**האפנטליך ווערט עס א נייער אנהייב !** מיטן אייראפעאישן מארק וועלן אויך אונזערע געמארקן, די יידישע קבוצים אין אייראפע אנקניפן ממשותדיקע פארבינדונגען, עס וועט ווערן א שותפותדיקער לעבעדיקער ענין און עס קאן א סך אויפגעטון ווערן אויף דעם געביט.

אמת אונזער פריינט יוסף פרענקעל טוט וואס ער קען — וואס ס׳איז אין זיינע מעגלעכקייטן מסתם ! — אבער ביי אן אינטענסיוו ארבעטנדיקער „מאשין" וואס וואלט דא געקענט אויפגעטון ווערן מיר האבן ב״ה דא א חברותא פון יידישע שרייבער — אמת נישט אזא ווי אין פאריז ! — אבער דאך זאל עס, יעצט זיין — מיטן חשובן גאסט פון פאריז, דער שרייבער יחזקאל קארנהענדלער — דער אנהייב פון יידישן קולטור־אויסטויש פון די יידישע קבוצים איבער אייראפע. זאל עס זיין א מזלדיקע התחלה.

# לשון און לעבן

2־3 (העפט 10־409) 34־סטער יאר פעב־מערץ 1933 לאנדאן

## ערב - שבתדיקע ווייטשעפל - גראמען

די געסלעך ווי געשווינדט זיי פארשווינדן !
מיט בולדאזער־ציינער ווילד ארויסגעריסן;
פון אונזער דא־זיין א געדעכעניש,
א סימן אמאל מען זאל כאטש וויסן —

מיט שער און אייזן, מיט זינגער־מאשין,
א כאר היימיש צעזונגענע געסלעך !
געבליבן ס׳איז א ווייטשעפל-סטראגאן
ביליק צעהילכט מיט „פליטן" און „דרעסלעך".

דער זונטאג — ענג אין דער ליין און פרייטאג
אויף ווייטשעפל־טראטואר דעם ברייטן,
פון טויזנט און איין שטעטל — א רענדל
אהער זיך פארוואלגערט זיך אויסצובייטן —

פון „חברה ש״ס" קיין זכר שוין נישט מער,
און וואס פון „ארבעטער-רינג" געבליבן ?
נאךביידן כאטש איין קדיש-יתום פלינק
מיט אפגענוצטן גראם אויפגעשריבן.

2

פון הונגער־נויט נאך ברויט, פון פאגראמען־טויט
דא אין די ענגע געסלעך אנגעלאפן;
ווען נישט די שמחה בעקערס, קאמעניצער
מגיד איך שולכל אנגעטראפן ?

וואס האט מען דען מיטגענומען פון דער היים ?
אן עברי־טייטש חומש, א כל־בו סידור,
און באבע־מעשיות אין בעבעכעס פארנייט — —
ווי האט דער ים אויפגעוויגט ס׳הארץ מיט לידער !

זינגט מען ביי דער ארבעט צוזאם ווי אין שול,
און עס פארגייט ביי דער פראצע דאס ווייגען;
ווי אומגלויבלעך, דא אין די ענגע געסלעך
„דאס פוילישע יידל" עס נעמט דערשייגען —

א, ווי האט מען דאס געוואַרט אויף די פרייטאַגס,
וואס צוערשט פאַר ביסל „ווידזשעס" איינקויפן ?
אין זאַטן מנוחה־טאָג כאַטש צו האָבן
און נישט צו מוזן אין „סוועט־שאַפּ" צו לויפן.

3

די יידישע צורה פאַרלירן,
קאָן נישט נאָר א מענטש א גאַנצע גאַס;
פרייטיק-צונאַכטס איבער ווייטשעפּל,
פלעגט פאָרן ממש א ליידיקער באַס — — —

יאָ, א ייד מיט לויפנדיקער באָרד,
זעט מען נאָך דאָ א פרייטיק אַצינד;
די פיש געקויפט, ס'שבת־אויבס ביליק,
און שוין אין סטאַמפאָרד־היל צוריק געשווינד.

צעפּאַראַט, די באָרד ברייט צעקעמט,
שפּעט־נאָכמיטאָג לויפט ער שנעל פאַרביי;
אמת, א שעוציק שוין מער נישטאָ,
אָבער אונזער מיילענד שוויץ־באַד: איי־איי . .

איילט ער זיך נישט אריינצופאָרן,
אין הייליקן שבת, חלילה וחס — —
די יידישע צורה פאַרלירן,
ס'טוט נישט נאָר א מענטש — א גאַנצע גאַס.

4

אויפן ווייטשעפּל-מאַרק די פישערקע
אין איר שופן־גלאַנץ זי שטייט נאָך אַלץ;
אָבער צו ערב־שבתדיקן טעם
עס פעלט שוין אביסל פעפער און זאַלץ.

איז עס איינס פון אירע פישלעך, אָדער
איר קאָסאַקער בליק קוקט ביין אַזוי ?
איך דריי מיך צווישן די טישלעך אַרום
אָן ערב־שבתדיקער שבת־גוי.

אויף די „בערעס" די צעלייגטע פרוכטן
באַשיינט מיט פּאַמעראַנצן פון ישראל — —
אָבער עס שמעקט נישט מער מיט שבת־אויבסט
ביים חומש פאַרהערן פונם אַמאָל.

זע, אין פאָטאָגראַף שוי־פענסטער שטייט נישט
אין טליתל ס'בר־מצווה ייִנגל מער,



נישט די פאַרשלייערטע, יידישע כלה,
אין אויג די צעפונקלטע חופּה־טרער.

5

ווען כ'האָב מיך געראַטעוועט דאָ אַהער,
פונם לאַנד פון די נאַצי־העלדן,
א פרייטיק טאָג גראָד געווען און געגאַנגען,
צו דער פּאָליציי מיך איינמעלדן.

פרעמד מיר די שטאָט אויסגעזען, די גאַסן,
דער הימל, די מענטשן, דאָס לשון;
ווי דאָס האַרץ געקלאַפּט: אַן ענגלישער
פּאָליס — אַן עוג מלך הבשן!

ווי נאָר כ'בין צוגעקומען און דערזען,
אויף די טיר די יידישער ווערטער:
„פּאָליציי אַמט"! אין דער היים מיך דערפילט — —
אין מיין שטומען קוק דערהערט ער,

כ'קאָן קיין ענגליש, הייבט דער פּאָליציסט אָן
מאַמע לשון מיט מיר צו ריידן,
און מיט א שמייכל: „א גוטן שבת",
די האַנט געדריקט מיר ביים זיך שיידן.

6

ס'יין-צימוקים געוועלבל מיט ווייַן,
כשר לקידוש אויף א ווייטשעפּל-גאַס,
ווען נישט די שיכורים אריין־אַרויס,
„לחיים־גאַרגל" זאָל בלייבן נאַס.

ווי ס'מאַזין ספרים־געשעפטל עס וואָלט
געוועזן שוין לאַנג פאַרהאַקט און פאַרמאַכט;
אַז ווער געדענקט צומאָל נאָך „די צייט"
וואו די ברוּיערײַ איצט שטייט ? נישטאָ־געדאַכט . . .

כאַטש מיך אָנידערשטעלן ביי דער וואַנט
און זשלאָקן מיט „זיי" פון איין פלאַש,
אָדער אין די „בוקי־שאַפּס" אריינגיין,
שטעלן אויף פערד לעצטן שילינג פון טאַש.

ס'מוז דאָך דער מענטש נאָך א חלום האָבן,
אָדער פון עפּעס־וואָס פאַרשיכורט זיין — —
און צו די „גאַראַד־פּרעס" מיט די לעצטע
כחות א וואַקלדיקער כ'לאָז מיך גיין.

7

—פיליפ ברוקסן — צו זיין באקומען דעם „קוואליפייד-קאמפאזיטאר"—

ווי לאנג פרייטאג אין פענסטער ביים בעקער
מ׳שטעלט נאך שבת־חלות אין פענסטער אויס,
ווי לאנג „לשון און לעבן" גייט נאך ארויס,
איז נאך יידישקייט אין ווייטשעפל נישט אויס!

א לאך פון א בייגל ס׳וועט איבערבלייבן
פון לעצטן ביסל יידישקייט דא,
ווען, חלילה, ס׳וועט קומען די שעה — —
אן אמאליקער „פאגע" פינסטער-גרא,

נישט איבער הימל ס׳וועט הענגען מער —
איבער אונזער לעבן, וואס איז אוועק!
די לעצטע מוציא פון עקל שוין דער עק — —
ווי מיין הארץ צאפלט פון פריידיקער שרעק;

זע, א מצה של מצווה נאך ווארעם
דירעקט ווי פונם איוון ז׳איז ארויס,
ברענענדיק אויסגעבאקן אות באות,
און פון פענסטער קוקן חלות ארויס.

8

שולעכלעך זיינען אין ווייטשעפל נאך דא — —
מ׳האט דאך „מעמבערס", מוז מען זיי באגראבן!
דינגט מען מנין־מענטשן, אבער א בית־
מדרש? מוז מען דאך לערנערס האבן.

נו, זיצט מען אינ׳ם איי־בי־סי־קאפעע,
קיין מקום־קדוש — אבער ס׳רוישט יידיש!
טאקע קיין שול, קיין שאלאש, קיין פאלוש!
איבער א טעפעלע טיי מ׳מאכט קידוש.

האט נישט א יידינע אן אלמנה,
נאך דעם ווי זי האט דעם מאן באגראבן,
אויף דעם אליין שוין חתונה געהאט,
א ייד א קידוש־מאכער צו האבן?

פון איבער וואסער, פון גאלדערס גרין
כאפן אווארט יידיש מ׳קומט צו פארן — —
עפעס דאכט זיך מ׳ווערט יונגער
אז מ׳רעדט פון די יונגע יארן.



9

אין דער הייליקער בין השמשות־שעה,
ווער קאן דעמלט אין קאפע איינזיצן;
די הויכע פענסטער אין די בלאק-שטאקן,
טויזנט און איין שויב שטראליק צעבליצן.

איז נישט די זון פון דער טעמז איצט ארויס,
א געטובלטע און פריש געצוואגן?
כאטש זינגענדיק איר אקייגנצוגיין,
„לכה דודי לקראת כלה", צו זאגן.

„אויפן הימל א יאריד", זעט איצט אויס,
דער זידנדיקער ווייטשעפל דרויסן —
כביכול די שכינה אליין זיצט,
ווי איבער א פייערטאפ א גרויסן —

כ׳דערזע די מאמעס בענטשענדיקע הענט,
די שבת־ליכט ווי זי טוט באשיצן!
און ס׳הייבט אן אין מיר שטילינק צו זינגען:
און ווען צומאל „כלו כל הקיצין"?

10

רוט דער סאמבאטיון? פונקט אזוי ווייטשעפל!
אן אויפהער לויפן די קארס אהין און אהער;
ערשט אז ס׳קומט אן דער ליבער פרייטיק פארנאכט,
און עס הייבט זיך אן דער ווילדער „וויקענד"־פארקער.

ווי פון א גיהנום ס׳יאגט פון שטאט ארויס,
א ביסל אפצואטעמען דרויסן ביים ים — —
ווען נישט דאס גרינצייג־ און די פרוכטן־טישלעך
מען וואלט דערשטיקט געווארן פון דעם פעטראל־סם.

דאס געהעץ איינער אונטערן אנדערן,
דאס געיעג, דאס געלויף ווי פון פארסמטע מייז;
דאס פלינקע געווינק פון די קאר־אייגעלעך,
פונקט ווי זיי וואלטן גערופן צו אלדעם בייז.

אויף דער אנדערער זייט ווו „ס׳האספטל" שטייט,
זיך אריבערצוכאפן עס שמעקט מיט געפאר — —
געשווינד עפענט זיך די טיר און ס׳נערסל שפרינגט —
א פלינק קעצל אריין אין דר. בעניס קאר.

11

פרייטיק פארנאכט אויפן ווייטשעפלער מארק
ביי די טישלעך דער געדזשאב, דער געדרענג,

פאר צווי פריִיִקע „וויקענד״־טעג דער איינקויף —
עס ציִען זיך די קונים לאַנגע שלענג.

ס׳רעשטל גערָאמש, ד׳ווילדע מציאות,
א בלום פאר ווייב, א שפּילכל פאר קינד;
טאקע ווי אַמאָל פאַרן ליכט־בענטשן,
דאס געאייל, דער טומלדיקער געשווינד.

דורך דעם ברויז־געברען, דעם געקאך געזיד,
אײַלט אן אלטער ייד אין דער שול אריין;
קוים ער טאפּט זיך אדורך, מיט לעצטע טריט,
מיד אויסגעארבעט, אן קינד, גאַנץ אליין.

ער יאָגט זיך, עס איז שוין שפּעט, און אים,
וועט דאך אין דער שול קיין מנין נישט זיין —
נאך זיך אלטער ייד קדיש זאל זאָגן,
און ווי א קינד טרינקען פון קידוש־ווײַן.

12

אז זייערע זין שוין „מיסטערס״,
אין „לאנדאן־האספיטאל״ קייגנאיבער,
פּאסט פאר זיי שטייַן דא ביי טישלעך ?
גיט מען דעם שטראגאן, די בערע איבער,

א פאקיסטאַנער, און אינדיער,
צי א פּליט פון איראק, פון קיירא;
דארטן געהאט א „ווארענהאויז״,
דא צי האט ער אן אנדערע ברירה ?

אבער ווען ס׳קומט פריִיטיק פארנאכט,
ווערן זיי נעבעך שווארצער און גרויער :
ווי אין א טלית איינגעהילט,
דער קייערער ייד אין שקיעה־טרויער.

און דער מוסלעם, דער אראבער ?
עס איז דאך זיין שבתדיקער פריִיטיק !
ברומט ער אונטער קאראן־פסוקים,
און קוקט ערגעץ ווייט מיט א מין ווייטיק.

13

אין פענסטער די שבת־קודש ליכטלעך,
ווי שוואכע נשמה־קנייטלעך לויכטן זיי;
אין דעם הויכן, צוואנציק־שטאקיקן הויז
צאנקענדיקע פלעמלעך, בלאסלעכע צווײ.



ווי טרערנדיק־טרויעריק זיי טריפן :
ווען איז׳ס דען געווען, ערשט נישט לאַנג,
פון שולן מיט געצוואגענע ייִנגלעך
גייען ייִדן מיט שבתדיקן גאַנג.

צימעסדיק שמעקן ארום די געסלעך,
ס׳הילכט מיט „מנוחה ושמחה״ געזאַנג;
ס׳קעפּל פון דער ניי־מאשין צוגעדעקט
ווי מיט א טליתל — — שטייט הארכנדיק, באַנג.

ערשט דער עולם פון טעאטער ארויס,
פון א פרעמיערע פריִיטאג־צו־נאכט — —
לבנה־רעקוויזיט פון גאלעריע קוקט,
און ווי פון א וויץ נאך איצט נאריש לאכט.

14

זייט דעמלט וויפיל יידיש בלוט געפלאסן,
וויפיל היימישע שטעטלעך אפּגעמעקט;
איז איין לעבעדיקס קוים איבערגעבליבן —
אויף אינזל דא אין נעפל זיך פארשטעקט.

ס׳בשמים־געוועלבל, ס׳הייזל מיט קוימענדל,
יעדן אין זיין שטעטל ס׳טוט א דערמאַן;
ערשט ווען די שטוב פארשמעקט מיט טויזנט טעמים,
דער פריִיטיק פארנאכט שבתדיק קומט אן.

בלויז וויאזוי איין שטעטל לעבן בלייבן,
אז אלע טויזנט מיטן פלאם אוועק ?
די אין הארצן אזוי איינגעבאקענע — —
ס׳גייט איין פון גרויס צער און ס׳גייט אויס פון שרעק —

ווערט עס יעצט מיט באלדאזערס אויסגעווארצלט,
דאס לעצטע שטעטל דא — יא פון דער ערד,
אבער נישט פון הארץ; צוזאם מיט די אנדערע,
אלץ פארטיפטער איינגעבאקענער עס ווערט.

15

ווען די מענטשן שטארבן דאס ווייסן מיר,
קומען זיי אין גיהנום, אין גן־עדן,
אבער אז די לעבעדיקע געסלעך,
אויך זיי דעם טויט נישט אויסמיידן.

דאס פערד און וועגעלע פונם גרינס־ייד,
פריִיטיק „היימישע ! היימישע !! געשריגן,

איבער די שענסטע די גרעסטע אוגערקע,
די צוויי בעסטע שכנות נעמען זיך קריגן.

און דאס שוועלן שייערן לכבוד שבת,
ווי קינדער־קעפלעך געוואשן געצוואגן,
און ערשט די שעה ווען די פולע טשאלענט טעפ,
געשמאקע קיגלען צום בעקער געטראגן — —

יא, פאר גאט אליין קומען די געסלעך — —
אייביק פאר זיינע אויגן זיי צו האבן;
און דאס פעדל, דאס ערב־שבתדיקע,
אונטערן כסא־כבוד ליגט באגראבן.

16

יא, אזויפיל וויטשעפלער קינדער
צו די „הויכע פענסטער" דערגאנגען,
ווייל טאטע־מאמע נישט אין די קנייפעס
און זיי — אינדרויסן פריריק געשטאנען.

איז טאקע איינער א דאקטאר אצינד,
א גרויסער פראפעסאר דער צווייטער,
דער דריטער ביזן לארדן־הויז
דערגאנגען אויף דער יעקב־לייטער.

אלע דריי שנורן זיינען — — און דווקא
די דריטע זיך מגייר געווען
און אין „סינגער"־סידור, ווי וואסער,
די „היברו פרייערס" קאן לעזן.

מען ווארט שוין נישט אויפן פרייטאג דא —
אלע טעג פון יאר זאטע זיינען !—
ווייל ס'האט זיידע יעדן ערב־שבת
ס'„פויליש יידל" געהאט צום לייענען.

17

פרייטיק נאכמיטאג ס'ביסל „וועדזשעס" אין טאש,
מיט סאכאטשעווסקין ארויס פון „די צייט",
אריין צו דזשאן אייזיקס פאר צוויי „פעני טשיפס",
אן א ווארט זיצן אזוי זייט ביי זייט.

דערהערנדיק זיין ניגונדל ברומען שטיל,
האט מיך ארומגענומען אזא ווייי —
פאר צוויי קופערנע פענעס צוויי פארציעס „טשיפס",
און ס'קלאפן אין איין ריטם הערצער צוויי :



פאר דער „האנאראר" פאר דער „שווארצער" ארבעט,
וויפיל לידער ער אנשרייבן געקענט — —
און דערזעענדיק מיינע אפגעדריקטע,
וויאזוי מיט זיי מיך פרייען געקענט --

אויף פאטשענע דא איבער דער גאנצער ברייט,
טויט־מיד ריטם פון ליד מיין שריט באגלייט :
איין רינג חלילה ארויסגעריסן ס'ווערט,
און צעריסן ס'איז די גאלדענע קייט.

18

. . . אז פון די הונדערט איינפאלנדיקע הייזלעך
איין בלאק אויפגעשטעלט מיט די באקוועמסטע „פלעטן",
מוז דאך אמאל נאך א שענערע וועלט ווערן
און אומעטום אויפהערן „שקלאפן" און „סוועטן".

איז דאך דאס מעגלעך געווארן און עס דערלעבט,
דעם הארעפאשניק אסך לייכטער און גרינגער — —
צי האבן מיר נישט אויך צו די מאזאליעס־הענט
מיט שער און אייזן צוגעלייגט אונזער פינגער ?

קוק איך פריידיק אויף רחבותדיקן הויף אראפ,
פון פופציק הייפלעך — איין רחבותדיקער ברייטער —
און די קינדער „שווארצע, ווייסע, ברוינע, געלע"—
איינס פונם צווייטן לוסטיקער און פארשייטער.

נעם איך דאס מזוזהלע פון הייזל מיינעם,
שלאג עס גוט צו צום שפאגל נייעם ביישטידל :
כ'בין דאך נאך דא, ס'איז מירווארעם, ליכטיק,
און סטריגעווע פלינק צוזאם א שטראם־גראם לידל —

19

ווי ווייט איז צפת פון ירושלים ?
א צוויי־דריי בערג אריבערצוקריכן !
זיך געמיכנט, זיך געגרייט, אט־אט שוין — —
דאך האבן זיי נישט געברענגט משיחן.

און וואס וואלט געווען פון מאיר בעל־נס,
פון אלע שליחים און פארטייען,
ווען נישט עמך די הארעפאשניקעס,
שער און אייזן, וואס ביגלען און נייען ?

ערב־שבת־קודש יידן, וואס ביז
ליכט־בענטשן בלאזן אינם פרעס־אייזן,

די גאנצענע וועלט און אלע מענטשן
באפרייען זיי וועלן און דערלייזן —

זע, פון איין ליכטל ווי ליכטיק עס ווערט,
פון איין פונק א פלאם טוט אויפפלאקערן,
פון נאדלען — אקער־אייזנס און קאסעס
ישראלס פעלדער צו שניידן און אקערן.

20

א פולע שטייט לבנה איבערן הויף —
א גין־גאלדענעם קידוש־בעכער!
איך שטיי נאך אלץ פארטראכט און קוק אראפ,
הער מיין הארץ קלאפט העכער און העכער.

וועט טאקע בעסער ווערן אויף דער וועלט,
ווען דאס לעבן לייכטער און גרינגער?
אדער איז דאס נאר אזא חלום בלויז,
פון א טרוים־פארשלאפענעם זינגער?

„יום השישי"! דער כוס שוין איבערגייט,
נישט פון וויין — פון געוויין און טרערן!
פרייער ס׳ווערט דעם מענטש לייכטער דאס לעבן,
בלויז ס׳געמארד וויל גארנישט אויפהערן — —

אז דווקא דא, אינם טאנץ־זאל* געטון,
די אתחלתא דגאולה דערהערן —
**ישראל, ירושלים,**
גייט ווידער אונז צוריק געהערן —

21

די פרייד דעמלט אין טויזנט אין איין שטעטל,
און אייגן לאנד מיר גייען ווידער האבן,
„איש תחת גפנו, תחת זיתו" זיצן,
פרדסים פלאנצן, קרקע־בתולה גראבן.

שבת־יום־טובדיק, נשמה־יתירהדיק,
„שיר־השירים זינגענדיק, נשמות פלאקערן";
נישט מיט שארפע קעפ, נישט מיט נעזער — פשוט,
מיט סאכעס, מיט טראקטארס די ערד אקערן.

זע, „שבת זאל זיין" איבער דער גאנצענער וועלט
אין אונזערע טעג ס׳גייט מקוים ווערן — —
די פרייד דעמלט אין טויזנט און איין שטעטל —
שבת־קודש ליכט — אין הימל די שטערן.

* 1896 דר. הערצל אין „קווינסהאל."

וויטשעפל, אינם ים פון בלוט און טרערן
„דאס שפרונג־ברעט פאר יידן דו ביסט געווען"!
אזוי וועט מען, א ווארע באבע־מעשה,
אין טויזנט און איין בוך, לעתיד לעזן.

22

„מתחילה דורשים בזכותה של אכסניא" —
צום סוף נאך כאטש צוויי דריי גראמען צושרייבן:
ווי מיר דאס עם־הספר וועט איר דא דערפאר,
דאס „בייבל פאלק" צווישן די פעלקער בלייבן —

ווייל ווי כורש, באלפור צוגעהאלפן האט,
אין ישראל צוריק אונז צונויפקלייבן —
גאט, אויב אזוינס־א געקענט מקוים ווערן
וועט דאך דער מענטש ווידער אין נסים גלייבן.

אז מיר דאס גלות־פאלק, ווער א האנט געהאט,
געהאלטן אין איין יאגן און טרייבן — —
געיאגט שפעלע ארום ארומגערינגלט,
פון וועלף־געוואי און געבריל פון לייבן —

טויט-געהעצט שוין און מיט די לעצטע כוחות
א לעבעדיקס עס וועט איבערבלייבן,
און אז אין די לעצטע געסלעך נאך אצינד,
דאך דא ווער־ס׳איז דאס ליד אויפצושרייבן.

23

ווען אהער דא מיר זיינען געפארן,
נאדל פאדים און לאץ מיטגענומען;
און דעם לעכעלע פונם נעדעלע,
וויאזוי יידיש־קינד אהיימקומען?. .

אויב געשווינד אויסלאזן זיך דא אצינד,
דער לעצטער דרים חלילה פונם פאדים,
וועלן מיר קוקן אין דער באבע־מעשה,
ווי דער כפרה־האן אינם „בני-אדם".

אז וואס קאן שוין זיין ביטערער דעמלט,
ווען עס לאזט זיך אויסעט דער פאדים לעבן,
און נישטא ווען די באבעס לידער,
און דעם טאטנס סידור איבערצוגעבן.

*  *  *

טאקע פערטיק? עס הייבט זיך גאר נישט אן!
באמת געברויכט ערשט איצט אנצוהייבן — —

אבער גיי זעץ דיך כאטש אנידער,
פרייטיק־צונאכטס יידישע לידער שרייבן.

שמואל ווהייט

## אלץ צוליב א שלח-מנות

(א פורים־דערציילונג פון אמאליקן שטעדטעל)

צוליעב א שלוח־מנות זייגען זיי זיך געווארן שונאים, וואלט איר דאך אודאי געמיינט, אז זיי זייגען זיך געוועזן די אמת׳ע גוטע פריינד, האט איר א טעות, ווייל וואס זיי האבן זיך געווינשן אין דער בעסטער גוט־פריינדשאפט מעג עס אנגיין אידישע שונאים. נאר ס׳רעדט זיך פריינד . . וואס זיי האבן געהאט איינער צום אנדערן? — איר וואלט דאך אודאי געקאנט מיינען צוליב מסחר, קאן איך אייך זאגן, אז ניין. זיי זייגען ביידע ווייט געוועזן פון מסחר, ווייל ביידע זנען זיי געוועזן מלמדים. וואלט איר דאך געקאנט מיינען אז אין מלמדות קאן דאך אויך אמאל זיין קאנקורענץ; נאר דא איז עס ניט חל געוועזן, ווייל משה איז געוועזן א דרדקי מלמד, און חיים איז גראד געוועזן א גמרא מלמד, און אט דא ליגט טאקע דער הונט באגראבן.

מחלוקת איז געוועזן, ווייסט איר צוליב וואס? — ווייל משה דער דרדקי מלמד האט אין אלע פלפולים ארויסגעוויזן מער חריפות ווי חיים דער גמרא מלמד. און דאס האט ארויסגערופן קנאה. אחוץ דעם אלעם איז משה׳ן, כאטש א דרדקי־מלמד, בעסער געגאנגען אין פרנסה ווי חיים׳ן דער גמרא מלמד, און פערעל, חיים׳ס וייב, האט אים אלע מאל פארגעווארפן: „זע צירעל (משה׳ס ווייב) ווי זי גייט דאס אין מארק איינקויפן אויף א שבת אדער א יום טוב. זי קויפט איין פון אלעם שענסטן און בעסטן ווי אן אנגעזעענע בעל הבית׳טע, און אלע מארק־קרעמערקעס האבן פאר איר דרך־ארץ. ניט אזוי ווי מ׳טרייבט מיך אוועק אויך איך וועל עפעס אבדינגען פון מקח״. . . אט דערפאר טאקע טרייבערט פערעל אלעמאל איר חיים׳ן דורך זייגע קנאפע פארדינסטן, און האלט אים אין איין יאדן, פארוואס ער, א גמרא מלמד, איז ערגער אב ווי משה דער דרדקי מלמד און פארוואס ער, דער גרויסער בריה אירער, זאל זיך אויך ניט נעמען און ווערן א דרדקי מלמד. האט זיך חיים מיט דער צייט צוגעוואוינט צו פערעל׳ס טענות, נאר פארדרוס האט ער דאך דערפון געהאט . . .

מאכט זיך גראד פורים און משה שיקט חיים׳ן שלוח־מנות (אייגענטליך האט דאס צירעל דעם שלוח־מנות געשיקט ארויסצוווייזן איר גרויס בריה׳־שקייט). איז שוין דאס איינמאל געוועזן א שלוח־מנות. ווען פערעל האט דאס דערזען, האט זי זיך דאך געדארפט דערפרייען, נאר די פרייד איז געוועזן א „ויחד יתרו״. . . אזא מין שלוח־מנות אויסצורעכענען איז שווער, ווייל אחוץ א שטיק געפולטן מארט, א שענער עפעל, ניסלעך, ראזשינקעס און מאנדלען, פריטלעך און א שטיק פורים קוילעטש (געבאקן מיט זאפרען, באשפרענקעלט מיט מאן אין דינעם צוקער), און א המן־טאש פון די אמת׳ע המן-טאשן (אז חיים האט דאס דערזען האט ער אנגעהויבן שלינגען די סלינע) . . . אחוץ דעם האט נאר ארויסגעשיינט א רויטע מאראנץ, וואס האט מיט זיין פיינעם ריח אלעס פארשמעקט. אט דער רויטער מאראנץ איז שוין געוועזן צופיל פאר פערעל׳ן איבערצוטראגן (און גראד דערצו פארגלוסט זיך נאך חיים׳ן וועלן אבברעכן א שטיקל טארט) . . . אזוי ווי א צערייצטער אקס, ווען ער דערזעט רויט, און מיט א קלאפ איבער דער האנד איז זי חיים׳ן באפאלן: „זעה נאר



וויער כאפט זיך דאס צו. גרויסער פארדינער מיינער, זע ווי מענשן ערלויבן זיך! מ׳קויפט און מ׳באקט און מ׳שיקט נאך שלוח־מנות אויך״.

חיים פרואווט זיך פאר איר אויסרעדן: „דאס האבן די בעלי־בתים זיי אודאי געשיקט שלוח־מנות״. דאס האט פערעל׳ן נאך מער צערייצט: „זעה אליין, שלימזל מיינער, דיר האבן דאך דיינע בעלי־בתים אויך געשיקט קדחת מיט כשר׳ן פאדים, און מער ווי דאס קנסטו דאך אויך ניט צוריקשיקן״.

איר קאנט אייך פארשטעלן, אז דער פורים איז שוין פאר חיים׳ן און פערעל׳ן געוועזן א פארשטערטער און אלץ צוליב א שלוח־מנות.

יאקוב דזשערגאווסקי

## פארוואס איז זאלץ ביליק און בראנפן טייער?

(פון דער סעריע: טיפן פון מיין שטעטל זאקראטשים)

געהייסן האט ער וואלף בער גאלדבערג, גערופן אבער האט מען אים וואלף בער בוטש, גענומען פון דעם אמעריקאנער־ענגלישןווארט — בוטשער (קצב).

וואלף בער איז געוועזן א לענגערע צייט אין אמעריקא, דארט געארבעט אלס קצב, אדער בוטשער, ווי מען רופט עס אין „גאלדענעם לאנד״.

וואלף בער איז צוריקגעקומען אין זיין געבוירן־שטעטל זאקראטשים.

אז מען האט אים געפרעגט, וואס ער האט געטאן אין אמעריקא, האט וואלף בער געענטפערט אויף דעם אמעריקאנער יידיש, צו וועלכן ער איז שוין געוועגט געווארן:

— איך בין דארט, אין אמעריקא, געוועזן א בוטשער.

האט אים די שטאט געקרוינט מיטן נאמען וואלף בער בוטשער, מיט די צייט פארקירצט אויף וואלף בער בוטש.

נאך זיין צירוקומען פון אמעריקא קיין זאקראטשים האט וואלף בער מיט דעם אפגעשפארטן געלט, זיך געעפנט א קנייפיע.

ביי וואלף בערן אין קנייפיע האט מען געקאנט קריגן א גוט געבראטן פערטל גענזס, א געשמאק שטיקעלע וורשט, א בע׳טעמ׳ט געהאקט לעבערל און נאך אנדערע געשמאקע מאכלים פון דעם מין, די הויפט־זאך א גוט כוסה׳לע בראנפן. וואלף בער׳ס קנייפיע איז געווארן א זיץ-ארט פאר שטאטישע שיכורים.

אויף די שיכורים׳ס טענה: פארוואס איז בראנפן אזוי טייער? — האט וואלף בער געענטפערט, אז אין דעם זייגען שולדיק די פארצייטישע שיכורים. און ער האט דערציילט הערביי די פאלגענדע לעגענדע:

— זיי, די פארצייטישע שיכורים, אין די ביבלישע צייטן, האט אויך דאמאלס פארדראסן, פארוואס בראנפן איז אזוי טייער, האבן די שיכורים זיך פארזאמלט אויסצוגעפינען אן עצה, ווי אזוי בראנפן זאל ווערן ביליק, אז א נאש־בראט זאל קאנען טרינקן א ביסל משקה.

געקלערט און באשלאסן, אז מען זאל גיין אויף לוט׳ס קבר, דארט מתפלל זיין, אז זייער לוט זאל זיך באמיען ביים רבונו־של־עולם, אז בראנפן

זאל זיין ביליק.

שיכורים זיינען דאך שטענדיק שיכור, זייער געדאנק ארבעט נישט קלאר, אנשטאט צו גיין אויף לוט׳ס קבר, זיינען זיי גאר פארקראכן אויף לוט׳ס ווייב׳ס קבר, דארטן אויסגעגאסן זייער ביטער הארץ, אז בראנפן זאל ביליקער ווערן. האט די לוטיקע אויסגעהערט זייער הארציק געבעט און זיי געזאגט אט וואס:

— רבותי! איך האב אייך געהערט און איך פיל מיט אייך אין אייער צער, דאס, וואס איך קאן פאר אייך טאן, איז, אז זאלץ זאל ווערן ביליק.

דערפאר איז זאלץ געווארן ביליק און בראנפן איז געבליבן טייער . . .

דוד בערמאן

## מרים און אירע פופעס פון ישראל

אין דער איסט־ענד פון לאנדאן האט אמאל געלעבט א קליין מיידעלע, מרים האט זי געהייסן און געווען איז זי זער שיין, וואויל און זער גוט. אבער ווי אלץ אין דער וועלט האט זי אויך געהאט איר חסרון: זי איז געווען א שלאף קינד, אזוי, אז יעדן ווינטער האבן אירע עלטערן געהאט שווערע זארגן איבער איר געזונט.

די מאמע אירע פלעגט זאגן, אז דאס קלענסטע קאלטע ווינטל האט דעם קינד געקענט פאראורזאכן צו הוסטן, אויב נישט אן ערגערע פארקילונג. אין די קאלטע ווינטער-טעג איז מרימס פארגעניגן געווען ארויסצוקוקן דורכן פענסטער פון איר שלאף-צימערל און זען ווי אנדערע קינדער שפילן זיך אין שניי, ווי זיי באווארפן זיך מיט שניי־באלעמס און ווי זיי שטעלן אויף א מענטש פון שניי. א, ווי זי וואלט זיך עס געוואונטשן נישט צו זיין אזוי דעליקאט און קענען שפילן ווינטער אויף דער גאס מיט די אנדערע קינדער!

א געוויסן ווינטער־טאג האט מרים באמערקט א שווארץ פייגעלע פאר איר פענסטער. עס האט אויסגעזען שוואך און הונגעריק. האט זי אויפגעעפנט דאס פענסטער און ארויסגעלייגט ברעקלעך ברויט פארן פייגעלע און גיך פארמאכט דאס פענסטער.

צו מרימס דערשטוינונג אבער זענען אנגעלויפן אסך הונגעריקע טויבן און שפערלינגען, וואס האבן אויפגעפיקט די ברעקלעך ברויט, אז דאס שווארצע פייגעלע האט קוים באקומען א ברעקעלע צו עסן. גלייך האט מרים פארגעסן וואס די מאמע האט איר אנגעזאגט, און האט זיך אנגעטון דאס ווארעמע מאנטעלע אירס הגם ס׳האט גראד געבלאזן א ביטער קאלטער ווינט אינדרויסן און א פרייליכע האט זי גענומען ווארפן ברעקלעך ברויט פאר אלע פייגל, פאר די טויבן, פאר די שפערלינגען און פאר די שווארצע פייגעלעך. אין איר פרייד האט זי גארנישט באמערקט ווי קאלט עס איז כל־זמן זי האט געהאט ברויט צו געבן די פייגל צו עסן.

נאטירלעך איז די מאמע אירע געווארן אין כעס, אויסגעפינענדיק וואס מרים האט דא געטון. זי האט זי גלייך געהייסן זיך לייגן אין בעט אריין,



טאמער האט דאס מיידעלע דערווייל געכאפט א פארקילונג. עס איז טאקע אזוי געווען דער פאל, און דאס קינד איז אזוי אפגעלעגן וואכנלאנג, נישט קענענדיק קומען צו זיך. אפילו די מעדיצינען, וואס דער דאקטאר האט איר פארשריבן, האבן קנאפ־וואס געהאלפן.

די פאמיליע האט געהאט א רייכן פעטער, און א געוויסן טאג איז ער געקומען צו זיי אויף א באזוך. געזעען ווי מרים ליגט אזוי קראנק אין בעט און קען נישט פטור ווערן פון דערפארקילונג, איז ער געפאלן אויף א וואונדערלעכער המצאה. ער האט פארגעשלאגן מיטצונעמען דאס מיידעלע מיט זיך אויף זיין רייזע קיין ארץ-ישראל. מרים איז געווען ווי באגייסטערט פון דעם דאזיקן געדאנק, נאר דער דאקטאר האט זיי אפגערעדט דערפון, ווייל דאס קינד איז נאך געווען צו שלאף צו פארלאזן דאס בעט. איז דעם פעטער געקומען אן אנדערער איינפאל אויפן קאפ, באמערקנדיק ווי מרים שפילט זיך מיט אירע באליבטע פופעס; ער וועט איר מיטברענגען פופעס פון ארץ־ישראל אויף זיין רייזע צוריק. דאס וועט זיין א שיינע מתנה פאר א גוט קינד.

וואכנלאנג האט מרים געווארט אויפן פעטערס צוריקקומען אהיים און אין דער צווישנצייט איז איר הוסט כסדר געווארן ערגער און ערגער. אבער זי האט זיך ענדלעך דערווארט און דער פעטער איז צוריקגעקומען אהיים! און ווען ר׳איז אריינגעקומען צו איר אין שלאף־צימערל האט ער געהאט מיט זיך אזש צוועלף פופעס — א מתנה פאר איר פון ארץ־ישראל. אלע זענען זיי געווען געקליידט ווי חלוצים אין א קיבוץ. זעענדיק פאר זיך אזא מחנה פרעכטיקע פופעס, האט מרימס פרייד נישט געוואוסט פון קיין סוף און פארשטייט זיך, אז זי איז דעם פעטער געווען העכסט דאנקבאר.

נאך זיין אוועקגיין האט מרים זיך גענומען פילן זער מיד. עס איז שוין געווען שפעטלעך ביי נאכט מיט א פולער לבנה און שטערן אויפן הימל. זי איז אריינגעפאלן אין א פיבערהאפטן שלאף, און ס׳האט זיך איר גענומען דאכטן, אז מיטאמאל האט א העל ליכט אויפגעלויכטן דורכן פענסטער פון איר צימערל ווי די זון וואלט געשיינט און זי האט זיך פלוצלינג געפונען אין ארץ־ישראל. אירע פופן־יינגלעך און מיידעלעך, געקליידט ווי חלוצים, האבן גענומען גיין א פריילעכן טאנץ צום לוסטיקן שפילן פון אן אקארדיאן.

„מים, מים“ האבן זיי געזונגען טאנצנדיק, און אזוי ארום אויסגעדריקט די וויכטיקייט פון וואסער פארן לאנד און פאר דער מדבר. מרים איז אזוי באגייסטערט געווארן פונם וואונדערלעכן טאנצן און זינגען, אז זי האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און ברייט אויפגעעפנט די אויגן פון פארוואונדערונג.

די פופעס זענען ווייטער געלעגן אויף איר בעטל, וואו דער פעטער אירער האט זיי אוועקגעלייגט. „א, עס איז בלויז געווען א חלום“, האט מרים זיך געטראכט.

א טאג־צוויי שפעטער האט מרים שוין זיך גענומען פילן בעסער און נישט לאנג דערנאך איז אינגאנצן געקומען צו זיך. איר געזונט צושטאנד האט זיך אויף אזויפיל געבעסערט, אז פון דעמלט אן האט זי שוין געקענט

זיך שפילן מיט אנדערע קינדער אויף דער גאס אין ווינטער.

מען האט מער נישט געדארפט אזוי מורא האבן, אז זי וועט זיך לייכט קענען פארקילן פון ווינט און שניי. ווייטער פלעגט זי פיטערן די פייגעלעך מיט ברויט אין ווינטער, ווען עס קומט זיי אן אזוי שווער צו געפינען עסן פאר זיך. א יאר האט מרים מער נישט געליטן פון קיין ערנסטער קראנקהייט.

יארן שפעטער, ווען מרימס טאטע-מאמע האבן געהאט אפגעשפארט גענוג געלט, האבן זיי אליין זי גענומען אויף א רייזע קיין ארץ־ישראל. דארטן האט איר חלום עפעס אויסגעזעען ווי די ווירקלעכקייט אליין. טראכטנדיק פון צייט צו צייט איבער דעם דאזיקן חלום, האט זיך תמיד באוויזן אויף אירע ליפעלעך א שמייכעלע פון גליק.

## לבדי — אליין

פון חיים נחמן ביאליק (1973־1873) — יידיש פון מאיר גערטנער

פאר מיין ברודער לוי, צו זיין געבוירנטאג, ו׳ אדר־שני

אלע האט זיי דער ווינט פארטראגן, דאס ליכט זיי פארפלייצט,
ניי געזאנג האט דערפרייט זייער לעבן דעם פרימארגן;
אבער איך, יונגע טויב, בין פארגעסן, אונטער ג אטס
שכינה־פליגלען פארבארגן.

גאנץ אליין דא געבליבן איך; די שכינה, אויך זי,
מיט געבראכענעם פליגל אויף מיין קאפ ליגט און פאכעט.
מיין הארץ ווייסט פונעם הארץ אירן: אז עס ציטערט וועגן מיר,
וועגן איר זון, איר בן־יחיד.

שוין פארטריבן זי פון גאר אלע ווינקלעך; געבליבן
אין א נודנעם באהאלטענעם עק נאר, א קליינעם,
אין בית־מדרש — פארדעקט זיך אין שאטן; איך מיט איר
אין דער צרה אינאיינעם.

און ווען ס׳הארץ האט געלעכצט נאך דעם פענצטער, דעם ליכט,
אונטערן פליגל ווען ס׳האט אנגעהויבן מיר ענג צו ווערן —
האט דעם קאפ זי געלייגט אויף מיין אקסל, און באטריפט
מיין גמרא מיט טרערן.

שטיל געוויינט האט זי, האט זיך געטוליעט צו מיר,
ווי געוואלט מיטן געבראכענעם פליגל מיך באשיצן:
„אלע, ווינט האט פארטראגן זיי; אלע, ווייט פארפלויגן, ווייט;
„איך אליין בין געבליבן, אליין זיצן.״

ווי א שלוס פון א קלאגליד, גאר זייער אן אלטס,
א מין תפילה, בקשה, און פחד צוזאמען,
האט מיין אויער געהערט אין דעם שטיליקן געוויין
און די זידנדיק גלי־הייסע טרערנפלאמען.





# ביאליק און יידיש

איך ביאליקס דור און יידישן שטעטל איז נישט געווען קיין פראגע: יידיש? לשון־קודש? מ׳האט געטראכט יידישלעך, געלערנט די כתבי־הקודש. א בלאט-צייטונג איז געווען די „הצפירה״.

די בית־המדרש שענק זיינען געווען פול מיט ספרים, און אויף די טישן האבן די פאקן־גייער אויסגעפאקט „בענטשערלעך״ און תחינות, די מעשה מג׳ אחים און ז׳ גזלנים.

איבן אויף דער פאליצע האט זיך געוואלגערט — די קאנקארדאנציע!

און די פראזע אין יענער צייט איז געווען אין „זשארגאן״ און אין עברית פארזיווגט איינס מיטן אנדערן ווי א חומש — „שתים מקרא ואחד תרגום. ווי האט זיידע מענדעלע געזאגט: „איך אטעם מיט ביידע נאז־לעכער״ זיין שפאקולן געזאטלטע יידישלעכע נאז איז ירושהדיק עכט, וויל ביידע לשונות, שעפעריש, זיינען שתים שהן אחת.

אין פרצס א חסידישער דערציילונג איז געווען מער לשון־קודשדיקע ווערטער ווי אין א היינטיקן העברעאיש שונד־ראמאן.

שלום־עליכמס א יידישער מאנאלאג האט אין זיך דעם קול-העם כקול ש ד י! שרייבט זיך נישט יידיש אויף העברעאיש צוריק — ש ד י?

ביאליקס דערציילונגען, „אריה בעל־גוף״, „דער קורצער פרייטאג״, געהערן צו דער גרויסער יידיש־קלאסישער פראזע, וואס איז שכינה מדברת מתוך גרונה — דאס יידיש-שטעטל רעדט פון איר ארויס; דער יידיש־מארק שרייט פון איר ארויס; דאס בית־המדרש און שוסטער־געסל זינגען פון איר ארויס. די יידישע הייזלעך — יידישע אותיות מרובעות געלייגט ציגל אויף ציגל.

זיין „מארינקא״ איז אויף א יידישלעכן אופן, אויף א פאעטיש־נבואהשן, אין עכטער פראזע דאס יידישע פראבלעם, וואס גארקי האט אויף אן עכט־רוסי־שן רעאליסטישן אויפן און אזוי מעכטיק באהאנדלט אין זיין „חיים קין״־דער־ציילונג -- צוויי סימבאלישע דערציילונגען וואס גרענעצן מיט נבואה, מיט געניאליטעט.

* * *

א בחור פון א יידיש שטעטל, פון שטיבל, פון בית־המדרש, פון דער ישיבה, אויב ער איז געווען מסוגל צו לייענען א בוך, איז עס פאר אים לגמרי נישט געווען קיין חילוק צי ס׳איז געשריבן אין יידיש צי אין לשון־הקודש.

מיט זעכציק יאר צוריק איז מיר לייכטער אנגעקומען ארייננצוקוקן אין א העברעאיש בוך ווי א יידיש — ווייל לשון־הקודש איז מיר געווען רגיל בפי: ס׳דאווענען, ס׳לערנען, די שיחות־חולין.

און וואס איז דען ביאליקס גרויסקייט, וואס שטעקט אין זיינע שירים צום אונטערשייד פון די השכלה־פיטנים ביז אים? איך ביאליקס א ליד ליגט

זיין „יידיש" הארץ, זיין געפיל פאר א ייד, זיין אויפגעצאַרנטער ווייטאק מיט יידישן צער — בשעת די השכלה־פּאעטן האבן רק געוואלטן אנטלויפן דערפון . . אנטלויפן פון אונז !

מיט קנאפּע פופציק יאר צוריק, ביי מיין ערשטן מאל דערזעען ביאליקן — און ס'איז ביי מיר געווען „כראות פני אלקים" — אבער ער האט זיך אויך געפריידט אין זיין גלות־בערלין מיט א בחור, וואס שרייבט לידלעך אויף יידיש, איז אנשטאט איך זאל אים פרעגן „ווי געפעלן אייך מיינע לידער?", פרעגט ער גאר מיך—מסתם אזא מין אוקראַינישער, ישיבה־בחורישער טריק—: „נו, ווי געפעלן אייך מיינע פּאעמעס ?" און איך, אין מיין פויליש־ייִנגלישער: „אייערע יידישע געפעלן מיר בעסער. — ס'איז תורה שבלב, דירעקט פונם הארץ. אין זיי רעדט זיך אייך פון הארצן פּראסט און פשוט, מאמעדיק, נישט א כפל־שמונהדיק־געפלעכט פון פשתן און תכלת־פּסוקים, ווי טיילמאל אין אייערע העברעאישע שירים".

אן א ווארט איז ער צוגעגאנגען צו דער ביכער־שאנק, ארויסגענומען א דיקן באנד זיינע אנגעזאמלטע שירים. צוגעקומען צום טיש, מיך אנגעקוקט ערנסט : „אדרבא, ניתי ספר ונחזה".

אינמיטן לייענען, ווי ס'איז געקומען צו אזא מין פסוקים־געפלעכט, האב איך מטעים געווען. איך האב דערשפּירט א מלמדישן קניפּ איבערן דיקן פלייש פון מיין קני.

דעם קניפּ וועל איך קיינמאל נישט פארגעסן, אבער אויך נישט מיינע טרעפונגען מיט ביאליקן נאך דעם.

*　　　*　　　*

מיט גרעסטן גרימצארן, מיט בייזעסטן כעס — מיט לייבן־געבריל, מיט העכסטע מחשבות צומאל און טיפסטן רעיון קאן מען נישט מאכן קיין גרויסע, מענטשלעכע דיכטונג — נאציאנאלע יא ! די נביאים, תהילים איז אל־מענטש־לעך, צומאל נאך מער.

טיפע ליריק איז צומאל נישט דאס געפיל — ס'איז דער חלום, וואס פארוואַרט דאס ווארט.

קיין סך לידער האט ער נישט געשריבן אויף יידיש, אבער זיי געהערן צו די עכטסטע אוצרות פון אונזער יידישער דיכטונג; זיי געהערן צום מים־חיים, צום שבת־טרונק פון אונזערע שפרודלדיקע קוואלן, וואס דער־פרישן מיט תענוג, וואס שווענקן אראפ פון הארץ די געהאקטע ציבעלעס און דעם פעטן שווער טשאלנט . . .

עס צעגיסט זיך אין אלע אברים א לעבעדיקער טייך, וואס שטילט איין זיינע כוואליעס צווישן די ברעגעס מיט זיינע פאלקסטימלעכע גראמען. עס איז חלום, וואס וואכט אויף ווארפנדיק זיך אויף זיין געלעגער — שינה בשבת תענוג. ביאליקס יידיש־ליד איז נשמה־יתירהדיק.

זיין „אל הבריכה" אויף העברעאיש האט אסך זוכה געווען דערפון ! פון זיין „א פריילעכס", ווערט פריילעך דאס טרייעריקסטע יידישע הארץ. זיינע



„שירי־העם" האבן געירשנט די ירושה דערפון — דאס פאלקסטימלעכע ! און זיין איבערדיכטונג פון יהודה הלוי'ס ים־לידער האבן דעם ציטער דערפון.

אפשר אונזערע „כנענים", אונזער „געשפּארנטע" יוגנט קאנען אפשר לעבן אן דעם — א יידיש פאלק זיכער נישט —

צי איז נישט רש"י הקדוש'ס א קינה נאנטער צו א יידישע תחינה, ווי אן „אַך קוצק" פּוט צי א קאפּיטל תהילים ?

אין זיינע ווינטער און שניי־לידער קלינגט אריין שוין די רוסישע טראיקע . .

אין זיין יידישן „ערב פרילינג" אבער „מיניעט די לופט מיט טויזנט חנען" און ווי אייז־קריעם ברעכן זיך יידישע פאלקלאר־ווערטלעך און זוניק פינקלען זיי זיך צוריק צונויף.

קאן מען דען מיט ווערטער ריידן איבער אזעלכע ענינים ?

*　　　*　　　*

דאס פאלק האט אים נישט פארשטיינערט
ווען פארשאלטן ער האט עס איז זיין צארן;
דער גין־גאלדענער גראשן גאר
ער איז אין זייער הארץ־טייסטער געווארן.

ר'איז נישט קיין ביליקער טרייסטער,
מאכן ער וויל אונז רק שטארקער און בעסער;
ווי גרויס אזא גלות־פאלק איז,
פונם גרעסטן מייסטער־פּיטן נאך גרעסער.

געהילט אין טלית פון תכלת —
אין די ווערטער ווארעמע פון זיין מאמען;
אויף זיינע פון כעס פארביסענע ליפּן,
פון איר טרערן־געטריף די טויזנט טעמען —

האט ער זיך, א וואיענדיקער,
אויף די קני פאר זיין פאלק אראפּגעלאזן
און זיין ווארט־געוויי איבער זיי,
טוי, וואס באפייכט וויאנענדיקע גראזן.

דער אויפגעגאנגענער „גארטן",
צערוישטער געזאנג פון זאפטיקע בלעטער —
„אונטער גרינינקע ביימעלעך",
„א פריילעכס"־צעטאנצט פון הימלישע געטער.

„ברייטער, ברייטער און צעשפּרייטער"—
א ראד די גאנצע ערד ארומצונעמען !
א פאלק, וואס קאן אזוי טאנצן,
א צער און צארן־הארץ נישט פארקלעמען.

דאס פאלק האט אים נישט פארשטיינערט!
אין אונזער דור המדבר ר׳איז געווארן,
דער ברענענדיקער־טרייסט־ברענגענדיקער —
פון נישט פארלאשענעם סנה־דארן.

## דער שורש

פארוועלקט זיינען די בליטן, פארוויאנעט די בלעטער, אפגעהאקט די צווייגן צוזאמען מיט די פירות אויף זיי, דער שטאם אונטערגעזעגט, געבליבן נאך דער נישט־אויסגעקארטשעטער פניאק — דער שורש. ער קאן נישט ארויס־שלאגן קיין צוויט, קיין פרוכט נישט טראגן, אבער די צארטע ווארצל־הערע־לעך ציען זיך אלץ טיפער אין דער פינסטערניש דעם ליכטיקן תהום צו דערגרייכן . . .

„דער שורש", וואס זאל זיין — וואס איך וואלט גריילעך געוואלט ער זאל ווערן! — דער דריטער טייל פון דער „פראזע", וואס איך דרוק זי שוין איבער צוועלף יאר יעדן חודש אין „לשון און לעבן" — דער ערשטער טייל איז געווען „גזע און ירושה" — מיין גאנץ שטעטל איז מיר געשטאנען מאדעל פאר די אויגן. די פארטרעטן פון מיין טאטע־מאמע, פון מיין הייליקן ברודער, זענען געהאנגען אויף דער מזרח־וואנט —

אלץ איז געשטאנען אפן פאר מיינע אויגן, נאר אנצושרייבן, און די צוואנציק־דרייסיק זייטלעך רעגלמעסיק יעדן חודש אין „לשון און לעבן" זיינען גענומען דער בלעטער־גערויש פונם אונטערגעהאקטן שטאם —

אויף שייטערס איז ער צעהאקט, צעשפאלטן, און מיין שטעטל ליגט דערויף און ברענט. עס רייסן זיך פון די פלאמען די פנימער פון מיינע חברים, פון מיינע רבים —

א גאט, אזוי איז שוין די בריאה מענטש. ער שטייט שוין און ווארעמט זיך די הענט ביי די פלאמען . .

דער צווייטער טייל, „דאס גראנגל" — דער גלויבן, דער אימפעט האט עס נאך געמאכט! אבער אין ווייניקער זייטלעך שוין, בקיצור, וד"ל.

און „לשון און לעבן" איז שוין אויך ארעמער, קאן שוין נאר ווייניקער זייטלעך אפשפארן. אבער מ׳קאן נאך אויסרעכענען . . און ס׳איז דא פון וואס צו שפארן, פון וואס צו שניידן — מ׳שניידט זיך אין אייגענעם לייב.

יעצט, אנהייבנדיק דעם דריטן טייל, ווייס איך שוין לגמרי נישט ווי ווייט איך וועל עס נאך דערשלעפן — יא, מ׳פילט בשעתן שרייבן שוין די מאכטלאזיקייט . . .

פאראיארן, ווען מ׳האט מיר געפראוועט מיין פינף און זיבעציקסטן גע־בוירן־יאר, איז עס מיר געווען גאר ווינטיק, ווייל נאך אלע כבודים האב איך פארלאנגט איין זאך: חברים זאלן איבערנעמען „לשון און לעבן" אדער אנ־הייבן ארויסגעבן א ליטעראַרישן זשורנאל אונטער אן אנדערן נאמען — און טאקע א בעסערן, א רייכערן ווי ס׳פאסט פאר לאנדאן.

די חדשים גייען און דער עול ליגט נאך אלץ אויף מיר אליין. „לשון



און לעבן" ווערט ארעמער, לידיקער; אבער אלץ בעסער ווי גארנישט — אמת, אונזערע חכמים זאגן „כשם שמקבלים שכר על הדרישה כך מקבלים שכר על הפרישה".

אבער דאס איז דאך געזאגט געווארן פאר די, וואס ווארטן אויף שכר . . .

נו, הייב איך אן דעם דריטן טייל איצט און — מיטן רעכטן פוס!

אמת, שוין א וואקלדיקער, און ווי ווייט קאן איך נאך דערגרייכן? אבער יעדעס אנגעשריבענע זייטל און ערשט אן אפגעדרוקטס וועט פאר מיר זיין א ווילדע מציאה — טאקע ווי געפונען.

און באמת וואס איז דא אנצואווערן? אז דער דריטער טייל פון דער „פראזע" האט שוין לגמרי נישט די אמביציע פון קינסטלעריש־ליטעראַרישער שרייבעריי צי גאר פון אויטאביאגראפישע הנדלעך. עס ווילט זיך זיין רק א מין ביבליאגראפיע־פארצייכענונג פון מיינע געשריבענע זאכן, מיינע גע־דרוקטע און מיינע פארלוירענע — נאטירלעך, אויף וויפל איך געדענק.

אזויפיל בין איך דאך מחויב צו טון פאר מיינע זאכן . . .

דער דריטער טייל, „דער שורש", זאל זיין מכוח מיינע לעצטע יארן אין דייטשלאנד, מיין מיך אהער ראטעוון קיין ווייטשעפל, מיין „לעבן און לאבן" דא . . .

זאלן נאר זיין יארן און כוחות, קאן עס זיך ציען אזוי ביז אין דער אומשטערבלעכקייט אריין . . .

עד כאן די במקום הקדמה.

1

די יארן אין בערלין האבן שוין אנגעהויבן צו ווערן טומלדיק. אויפן פראלעטארישן וועדינג, וואו די סאציאליסטישע און קאמוניסטישע יוגנט האבן נישט געקאנט צווישן זיך אדורכקומען, האט די פאליציי זיך גענומען אריינמישן מיט אירע פריש־באקומענע „גומי־קניפלס" און די היטלער־יוגנט האט גענומען טומלען. געבלס פלעגט קומען ארופגעהונקען און דער „רויטער וועדינג" האט געהילכט מיטן ליד:

„ווען פון מעסער שפריצט דאס יודן־בלוט,
איזט נאכמאל זא גוט".

אלטער האט מיך אנגעקוקט מיט א פנים פול קנייטשן און געטייטלט מיר אין די אויגן אריין מיט זיין שארפער נאז מיט א שפיציק געלעכטער:

„אברהם נחום, אזוי הייבט עס זיך תמיד אן . . ."

מיין וואוינונג איז געווען אביסל ארויפצוצו ביי רייניקענדארף, די פריד־ריך־עבערט „קאלאניע" — די מלוכה פון „ווייסע קעלנער".

די לערע פון דער „פרייער וועלטלעכער שולע", וואו פרוילײן וועלער האט געארבעט, האט געמאכט גלויבן, אז די וועלט גייט „פאראווערטס"; אז דאס גוטע אינם מענטש וועט סוף־כל־סוף האבן די אויבערהאנט.

דאס רוב פון די לערער איז געווען סאציאליסטן, דער דירעקטאר א סאציאליסט פונם אלטן חדר — א „בראווער מאן". . די מיינסטע קינדער

אבער קאמוניסטישע פון ארעמע היימען — פונם „פראלעט“.

כ׳האב מיך געגומען פילן אין דער היים אין דער נייער סביבה.

א מנוחה-פונקט אויף מיין שפאציר צו די מילערס איז געווען דאס הויז פון די קייזערס — ס׳איז נישט געווען דער „זשורנאליסטישער טומל“ דארטן טיילמאל אין שטיב! — ס׳איז געווען די דארפישע ליבלעכע פרוי קייזער מיט איר נאטירלעכער „דויטשער געמיטליכקייט“. . .

ערב פרילינג איז געווען א יום־טוב אין דער שולע — אן „אויסשטעלונג“ פון די צייכענונגען און מאלערייען פון די קינדער דאס בילדל „דער שפיץ רייצט די גענזע“ — די טעמע איז געווען א דייטש פאלקסליד, ווי א הונט בילט אויף א סטאדע גענז און זיי שטרעקן אויס לאנגע האלדערנדיקע העלזער.

דער קינדערישער הומאר פונם בילדל האט מיר גוט געטון! אהיימקומענדיק, האב איך אנגעשריבן א מין עסיי איבער קינדער־מאלעריי . . . איך האב אים נישט אין יידיש, אבער דער עסיי איז געווען אפגעדרוקט אין פראפעסאר עסטרייכערס „קולטור און דערציאונג“.

זייענדיק אויף א באזוך ביי די צווייגס האט ער געמאכט א קאמפלימענט דער וועלער פאר איר איבערזעצן „יא, יא, דער פריץ — שטאט שפיץ — רייצט די געגזע“ . . .

אבער דער וויץ דערביי איז געווען — וואס א צופאל קאן אלץ ווען — אז אריינקומענדיק צום טיי, זיצט מיט די קינדער ביים טיש, ווי דאס קינדער־פרוילין, א געוועזענע שילערין פון דער רייניקענדארפער „פרייער, וועלטלעכער שולע“ — „ווי קליין אונזער וועלטעלע איז“. . .

— המשך אין קומענדיקן נומער —

ש. י. עגנון

## אבי השור

אין ירושלים איז דא א געוויס מקום, וואס מען רופט עס אבי השור. און פארוואס רופט מען עס אבי השור? צוליב א מעשה דארטן. אויב איר ווילט וועל איך זי אייך דערציילן.

עס איז געווען אן אלטער מאן אין ירושלים, בארימט מיט זיינע יארן און זיין תמימותדיקייט ווי א קינד. און דער דאזיקער זקן האט נישט געהאט קיין קינדער און קיין ווייב, נאר א קליין הייזל האט ער יא געהאט און אזוי אויך א פעלד און אזוי אויך אן אקס. דער אקס איז געווען זייער שטארק און געהאט א ווייך הארץ. דער אקס האט געהאט רחמנות אויף זיין בעל־הבית און אים באדינט ווי א קנעכט זיין הער. האט אים באאקערט דאס פעלד און אים געשעפט וואסער פונם קוואל, און טאמער האט ער אמאל עס באדארפט פלעגט דער אלטער אנהענגען א קייבערל דעם אקס אויפן האלז און אים זאגן: „גיי אין מארק אריין און ברענג מיר מיינע שפייז!“ ס׳האט דעם זקן מיט אים גארנישט געפעלט. הלואי עס זאל אונז אזוי נישט פעלן אויף דער וועלט און אויף עולם־הבא. אזוי האבן די שכנים דעם זקן א נאמען געגעבן אבי השור צוליב זיין אקס.



אמאל זענען פיינט געקומען אין שטאט אריין. פיינט, וואס קומען אין א שטאט אריין, קומען נישט אויף שלום, נאר קומען צו רויבן, שאדן אנצוטון און צו הרגענען. האבן זיי טאקע גערויבט, אנגעטון שאדן און געהארגעט מענטשן. ווער עס איז נישט געהרגעט געווארן איז אנטלאפן, און ווער עס האט נישט באוויזן צו אנטלויפן האט זיך באהאלטן. און דער דאזיקער זקן האט זיך אויך באהאלטן אין א הייל.

איז געקומען דער אקס און האט זיך אוועקגעשטעלט ביים אריינגאנג צו דער הייל און געבלעקעצט מיט דער צונג. האט אבי השור אויסגעשטרעקט די האנט פון דער הייל ארויס, אים געגלעט די הערנער, געשעפטשעט אים אין אויער אריין און געזאגט: „שווייג, מיין זון, שווייג, טאמער הערן די פיינט און וועלן קומען אונז צו הרגענען“. דער אקס האט א מריטשע געטון און זיך נישט גערירט. האט אבי השור אים געפרעגט צי ער וויל אים עפעס זאגן. האט דער אקס ווידער א מריטשע געטון. דער מריטשעט און דער שעפטשעט, און איינער פארשטייט נישט דאס לשון פונם אנדערן ווי א משל וואס מען משלט אן אין ירושלים, אז אן אקס האט א לאנגע צונג, אבער קיין ווארט נישט אויף דער שלונג. האט אבי השור ווידער גענומען שעפטשען: „וואס פארלאנגסטו, מיין זון?“ האט דער אקס זיך אויסגעשפרייט פאר אים און אנגעמערקט מיט דער צונג, וואס ער האט נישט געקענט ארויסרעדן מיטן מויל. האט אבי השור אויפגעכאפט דעם שלל פון זיינע געדאנקען און גענומען נאכקלערן און נאכטראכטן. איין געדאנק ברענגט שוין צו אן אנדערן געדאנק, און צום סוף דערגרייכט מען שוין דעם אמת אזוי צי אזוי. הכלל, אבי השור איז צום סוף דערגאנגען צום געדאנק פון אקס און צו אים געזאגט: „האסט מיר אפשר געפונען א בעסער ארט ווי די דאזיקע הייל, מיין זון, און ווילסט מיך דארטן באהאלטן?“ האט דער אקס געשאקלט מיט די הערנער און אויסגעשטרעקט דעם קאפ. און אבי השור האט שוין פארשטאנען, אז דאס שפרייט דער אקס זיך פאר אים אויס, כדי ער זאל רייטן אויף אים, און דער אקס וועט אים טאקע ברענגען אויף א פאסיק ארט, וואו זיך צו באהאלטן פאר דער שווערד פונם פיינד.

האט דער זקן צונויפגענומען זיין געביין און פלייש און איז ארויס פון דער הייל, האט זיך ארויפגעזעצט אויפן אקס און אוועקגעריטן. בשעת ער איז אזוי געריטן איז דער אקס גאר געלאפן מיט אים צום שלאכט־פעלד! דער אלטער האט דערזעען די סאלדאטן און די נשמה איז אים שיער נישט ארויס. האט דער אקס אויף אים א בליק געטון ווי א פריינט קוקט אויף זיין פריינט און ארויסגעלאזט עפעס א קלאנג מיט דער צונג. ווען מיר זאלן דאס פארטייטשן אויף א מענטשלעך לשון וואלט דער טייטש געווען אזוי: „מיין לעבן פאר דיינס, הער, אויב איך מיין עס נישט פאר דיין טובה וועגן!“ און גלייך האט דער אקס א נעם געטון שטויסן מיט די הערנער, האלטנדיק אין איין שטויסן ביז ער האט נישט אוועקגעלייגט א צאל פון די פיינט. און די, וואס ער האט נישט געהרגעט, האט ער פארוואונדעט און די, וואס

ער האט נישט פארוואונדעט, האט א ציטערניש אנגעכאפט און זיי זענען אנטלאפן, און נאך דעם ווי זיי זענען אנטלאפן, האבן זיי זיך שוין מער נישט אומגעקערט.

זעענדיק וואס דער אקס האט אנגעטון די פיינט, איז דער זקן ווי ווידער לעבעדיק געווארן. האט אויפגעהויבן זיין קול און א געשריי געטון: „ברידער, ברידער, מענטשן פון מיין שטאט, קומט ארויס פון אייער באהעלטעניש און זעט די ישועה, וואס גאט האט אונז פארשאפט קעגן אונזערע פיינט!" האבן זיי עס געהערט און זענען ארויס פון זייערע באהעלטענישן, פון דעם לאך און פון יענעם לאך, פון אונטער דער ערד, און פון יעדן פארבארגענעם ווינקעלע, ווער עס איז נאך געווען ביים לעבן.

געזעען די ישועה, וואס אבי השור און דער אקס האבן געברענגט, האבן זיי זיך געפריידט מיט א גרויסער פרייד. הלואי זאלן מיר זיך אויך פרייען איינגיכן, ווען הקדוש ברוך־הוא וועט איבערענטפערן אונזערע שונאים אין אונזערע הענט אריין! זיי האבן געברענגט גאנצע פעק הדסים, מיט וועלכע זיי האבן געקרוינט דעם אקס און האבן געשפילט פאר אים אויף פלייטן און געטאנצט און געזונגען פאר אים ביז זיי האבן אים געברענגט מיטן זקן אויף זיין ארט. און אזוי האבן זיי דאס מקום א נאמען געגעבן אבי השור אויפן נאמען פונם זקן און זיין אקס. עס עקזיסטירט נאך און דער נאמען עקזיסטירט נאך.

אבי השור האט געהאט א שכן, וואס אזעלכער זאל גארנישט געדאכט ווערן. א געוויסן טאג האט ער זיך צו זיינע ווייבער גענומען נאך א ווייב. ער האט איינגעלאדן אלע זיינע פריינט און געמאכט פאר זיי א מאלצייט. האט געשחטן א שאף און געבראטן פאר זיי דאס פלייש, וואס ווען ס'איז דא אסך עסערס פארמינערט זיך דאס פלייש כלאחר יד. דער נעמט זיך א טאפלט חלק און עסט מיט א פול מויל, און ווי דער אזוי טוט אויך אן אנדערער, און צווישן האנט און מויל ווערט דאס פלייש נעלם. איז ער ארויסגעגאנגען און געשחטן נאך א שאף און נאך א שאף. זיי זענען זיך געזעסן אזוי די גאנצע זיבן טעג פון דער חתונה און געגעסן. עס איז געגאנגען איין שאף נאך דער אנדערער, איין שאף נאך דער אנדערער, און גענוי אזוי ווי שאף טוען, טוען אויך אלע אנדערע לעבעדיקע באשעפענישן. הכלל, זיי זענען אנגעגאנגען מיט דער סעודה, אבער מיר וועלן עס מאכן בקיצור. קורץ און גוט, ער איז געגאנגען און געשחטן, געגאנגען און געשחטן ביז ער האט שוין געהאט געשחטן א גאנצע סטאדע שעפסן, און האט אפילו נישט פארמיטן דאס מעסער פון די איבעריקע בהמות, וואס זענען געגעבן געווארן צום עסן. האט נישט איבערגעלאזט קיין ווידער און קיין לעמעלע און אויך נישט קיין ציג, אז ער זאל זיי נישט האבן געשחטן, און נאך אלץ האט זיך דער בויך פון זיינע געסט נישט אנגעפילט.

זעענדיק, אז זיי ברומען נאך אלץ נאך פלייש, איז דעם גאסט־געבער איינגעפאלן אריינצוגיין אין שטאל אריין און זעען צי עס געפינט זיך נאך



דארט עפעס א בהמה, וואס ער וואלט געקענט שחטן פאר זיי. אויפן וועג האט ער באגעגנט דעם אקס. האט אים אנגעכאפט ביי די הערנער. אין זיין תמימותדיקייט האט דער אקס געמיינט: „דער שכן וויל זיך זיכער בארימען מיט מיר פאר זיינע געסט, אז איך האב אים און די גאנצע שטאט געראטעוועט פון טויט. ניין, כ'וועל מיך נישט האלטן פאר צופיל עניו און גיין מיט אים." אונזער שכן אבער האט זיך געטראכט „דער דאזיקער פליישיקער אקס וועט זיכער קענען אנשטאפן דעם בויך פון די פרעסערס, וואס האבן זיך באזעצט ביי מיר". בקיצור, דער שלעפט דעם ביי די הערנער און דער שלעפט זיך און גייט אים נאך. דער אקס טראכט זיך, אז די מענטשלעכע באשעפענישן זענען שיינע באשעפענישן. אויב א מענטש האט א שמחה ביי זיך אין הויז געדענקט ער גלייך אין א פריינט און זעצט אים אויבנאן, נישט וויסנדיק, אז מען פירט אים ווי אן אקס צו דער שחיטה. און יענער שכן אונזערער טראכט גארנישט, נאר דאס הארץ ברומט אין אים און די הענט זענען אים אזוי הייס. וואס זאלן מיר דא לאנג ברייען און דערציילן, ווי נאר זיי זענען צוגעקומען צום הויז פון דער סעודה האט יענער געטון וואס ער האט געטון.

צומארגנס אין דער פרי האט אבי השור זיך אויפגעהויבן, גענומען דאס קיבערל און געוואלט עס אנהענגען דעם אקס אויפן האלז ווי געווענלעך ווען ער פלעגט אים שיקן אין מארק אריין ברענגען שפייז, מחמת ער האט זיך נישט געפונען צווישן די געסט אויף יענער סעודה און זיך געפילט הונגעריק. ר'האט געזוכט דעם אקס און אים נישט געפונען. האט ער זיך אוועקגעשטעלט און גערופן: „אקס מיינער, אקס מיינער", אבער אן אן ענטפער. האט געבלעקעצט ווי א קו, נישטא קיין ענטפער. ר'האט זיך געקערט אהער און אהין, אהער און אהין, נישטא קיין ענטפער. ווי אן אקס לעקט אפ דאס גראז פון פעלד, אזוי האט דאס פעלד אפגעלעקט די טריט פון אקס. ער איז ארומגעלאפן און געפרעגט: „איר האט נישט אמאל געזעען מיין אקס?" קיינער האט נישט געוואוסט וואס אים צו ענטפערן. האט ער זיך אומגעקערט אין שטוב אריין, זיך אנידערגעווארפן אויף זיין זאק און דער צער האט אים צעבראכן דאס הארץ. פון צייט צו צייט האט ער זיך אויפגעהויבן און געגאנגען זוכן זיין אבידה. אבער וואס דער בויך האט שוין איינגעשלונגען וועט מען מער נישט געפינען צווישן די לעבעדיקע.

אין צוויי־דריי טעג ארום איז אבי השור ווידער ארויסגעגאנגען אין גאס אריין זוכן זיין אבידה. אויפן וועג איז אים אויסגעקומען פארבייצוגיין א בארג אש. דארט האט ער דערזעען צוויי הערנער ארויסשטארטשען פון מיסט. ר'האט דערקענט, אז דאס זענען די הערנער פון זיין אקס. איז ער ארויפגעשפרונגען אויפן בארג און אנגעהויבן שלעפן און שלעפן ביז ער האט זיי ארויסגעקריגן פון מיסט ארויס. האט געבליקט און געבליקט, געוויינט און געקלאגט, „מיין אקס, וואו ביסטו געגאנגען, ביי וועמען האסטו געלאזט די הערנער דיינע, הערנער מיט וועלכע האסט געשטויסן, ווי אום-

ווירדיקער צווייג ליגן זיי אינדרויסן. וואך אויף, וואך אויף, טו אן דיינע הערנער, וועל איך מיך פרייען אין גאט און. ער וועט זיך רעכענען מיט דיינע מערדער". אזוי האט דער זקן געוויינט און געברומט, טאמער וועט דער בעל־הרחמים זיך דערבארעמען און דער אקס וועט קומען אומצוקערן אים די הערנער אויפן קאפ.

דערווייל איז צוגעפאלן די נאכט און ס'איז פינסטער געווארן אויף דער וועלט. אבי השור האט אין דער חשיכה געבליקט אויף יעדן אפגעהאקטן הארן, געטראכט גייענדיק, „פארוואס האבן די הערנער זיך אפגעשיידט פון זייער אייגנטימער?" און ער האט נישט געוואוסט, אז דער אקס האט זיך געשיידט מיט זיי און נישט איבערגעלאזט נאך זיך נאר בלויז די דאזיקע הערנער. צום סוף איז אבי השור צוריקגעגאנגען אהיים און זיך אנידערגעלייגט אויף זיין געלעגער. באלד איז ער געווארן שלעפעריק און איינגעדרימלט. פלוצלינג האט ער זיך אויפגעכאפט פון שלאף, דערהערנדיק א געוויין, אזוי איז עס געווען איין נאכט, צוויי נעכט, דריי נעכט ביז זיבן נעכט.

אבי השור האט געהאט א פריינט א ייד. איז אבי השור אהינגעגאנגען צו אים און אים דערציילט, אז שוין זיבן נעכט ווי ער הערט יעדע נאכט א קול פון געוויין. זאגט דער ייד צו אים: „נישט ווי דו וואונדערסט דיך וואונדער איך מיך. דו וואונדערסט דיך אויף דעם דאזיקן קול פון געוויין, איך אבער וואונדער מיך נישט, ווייל דאס זענען די סליחות־נעכט און מיר בלאזן שופר. דאך וואונדער איך מיך איבער דעם, וואס דו זאגסט, אז גאנצע זיבן טעג האט דאס געוויין נישט אויפגעהערט; און עס קען דאך נישט זיין זיבן אן א שבת. שבת אבער בלאזט מען נישט!" פרעגט אים אבי השור „טא וואס־זשע עצהסטו מיך?" זאגט ער אים, „וואס וויס איך? נאר ס'איז דא א חכם, דוכסוסטוס דער שרייבער פון קרית־ספר, וואס מען האט אים אראפגעזעצט פון זיין שטעלע, ווייל ער פלעגט שרייבן קמיעות פון פסוקים זיך צו היילן מיט זיי. לאמיר אהינגיין צו אים אזויווי ער איז עפעס א וואונדערטוער, אפשר וועט ער דיר קומען צוהילף און דיר וואס זאגן. האט אבי השור גענומען די הערנער פון זיין אקס און געגאנגען מיט זיין פריינט דעם ייד צו דוכסוסטוס דעם שרייבער.

דוכסוסטוס האט גענומען א הארן צום מויל און ס'האט זיך געהערט א קול פון געוויין. פרעגט דוכסוסטוס אבי השור: „האסטו געהערט דאס געוויין?" האט ער אים געענטפערט: „כ'האב געהערט". זאגט ער אים: „מען האט מיך געשחטן, מען האט מיך געשחטן!" זאגט עס און וויינט. ווי א בלאנע וואלט אבי השור אראפגעפאלן פון די אויגן און ער האט געזאגט: „דער און דער שכן מיינער האט זיך גענומען א ניי ווייב און איינגעלאדן אסך געסט, קען עס זיין, אז ער האט געשחטן מיין אקס צו געבן זיין פלייש צו עסן פאר זיינע געסט. וואס מיינסטו, חכם דוכסוסטוס, זאג מיר. האט דוכסוסטוס גענומען די לאקן פון זיין בארד אין דער האנט אריין און געזאגט צו אים: „מיין מיינונג איז ווי דיין מיינונג, אבי השור. הלוואי זאל איך און



און כל־ישראל זוכה זיין גאר אינגיכן א הנאה צו האבן פונם פלייש פון שור־הבר אויף דער סעודה, וואס הקדוש־ברוך־הוא וועט מאכן פאר די, וועלכע פארכטן זיך פאר אים, אזוי, ווי די דאזיקע מוטוויליקע האב א הנאה געהאט פון דעם אקס!" האט אבי השור גענומען דריקן זיין קאפ צו דער וואנט און ברעכן די הענט און אנגעהויבן צו שרייען: „ווי, ווי, אז יענער מנוול, יענער מוטוויליקער בן־בליעל, יענער שד פון בית־הכסא האט געשחטן, אוי, האט געשחטן מיר מיין אקס און געגעבן זיין פלייש צו עסן יענע פארשאלטענע, קינדער פון פארשאלטענע! איך שווער ביי מיין אקס, אז איך וועל פריער נישט אוועקגיין פון דער וועלט איידער כ'וועל האבן נקמה גענומען פון יענעם הורן־בן!"

אבער אבי השור האט נאך נישט געוואוסט וואס צו טון און וואס פאר א נקמה צו נעמען, ווייל יענער איז געווען א תקיף און א רשע און א שטארקער שלעגער, און ער אליין א זקן און א שלאפער מענטש. דערווייל איז איין טאג פארביי און צוויי און דריי און גאנצע פיר טעג, און דאס געמיט, אוי, דאס געמיט ווי א ווארעם נישט עס פליט, נאר פאמעלעך עס קריכט, כאטש זוך אן עצה מיט ליכט.

אין אייניקע טעג ארום איז זיך אבי השור ארויסגעגאנגען אויף דער גאס און זיך אנידערגעשטעלט פאר דער טיר פון זיין הויז. גייט אן אנדערער שכן פארביי און זעט ווי ס'פנים איז אים טרויעריק און ר'איז אין אזא געדריקט געמיט און קוים וואס ער שטייט אויף די פיס און אינגאנצן זעט ער עפעס אויס ווי אן אבל אין דער וואך פון שבעה. פרעגט ער אים: „ביסט טרויעריק, האט דיר — חס ושלום — עפעס פאסירט?" ענטפערט ער אים: „מיין אקס איז מיר נעלם געווארן". זאגט יענער צו אים: „דער אקס איז דיר נעלם געווארן און דו זוכסט אים נישט?" זאגט ער: „כ'בין שוין געווען אומעטום און האב אים אין ערגעץ נישט געפונען". — „האסט אים אין ערגעץ נישט געפונען זאגסטו, וואס הייסט האסט אים נישט געפונען?" זאגט ער „וואזוי זאל איך אים געפונען, אז ער איז שוין טויט" זאגט יענער: „טויט? מיט וואס פאר א טויט איז ער געשטארבן?" זאגט ער צו אים: „וואס הייסט מיט וואס פאר א טויט, עס איז געקומען א כלב און האט אים פארצוקט!" און ווידער האט אבי השור גענומען קלאגן און וויינען „מיין אקס, מיין אקס, מיין הילף און מיין ליכט, מיין כוח און מיין קראפט, מיין טרייסט וואס האב איך געזינדיקט און געטון שלעכטס, אז דו ביסט געווארן א מאכל פון א זון פון הינט, איבערלאזנדיק מיך איינזאם אצינד!"

האט דער שכן זיך געטראכט וואס ער האט זיך געטראכט און איז אוועק פונם זקן. טרעפט ער יענעם, וואס האט געשחטן דעם אקס, און זאגט אים: „מיר דאכט זיך, אז אבי השור איז אראפ פון זינען". — „פארוואס?" — דערפאר, זאגט ער, וואס א כלב האט אים פארצוקט דעם אקס. „האסטו שוין אין דיין לעבן געזען, אז א הונט זאל פארצוקן אן אקס?" ווי דער, וואס האט געשחטן דעם אקס, האט דאס דערהערט, האט ער זיך געטראכט, אז

עס איז קלאר אז יענער ווייסט ווער עס האט געשחטן זיין אקס. איז אים דאס הארץ אנטפאלן און ר׳האט אנגעהויבן מורא האבן. האט א טראכט געטון אזוי און א טראכט געטון אזוי. וואס זאל ער דא טון פאר יענעם זקן און מיט וואס קאן ער אים צופרידנשטעלן דאס געמיט. הכלל, ער איז אריינגעגאנגען צו אים אים צו ווייזן א פריינטלעך פנים.

יענער האט זיך אנידערגעזעצט לעבן אבי השור און גערעדט מיט אים ווי א שכן רעדט מיט א שכן, א שטייגער, אז דעם און דעם זאל די מאמע זיינע באגראבן און אז יענער און יענער זאלן שדים זייגן פון אירע בריסטן, ווייל זי איז אזוי און נישט אנדערש; איבער טעפ, וואס כאטש עס געפינט זיך נישט אין זיי קיין שום געקעכטס, לאזן זיי ארויס אזא מין גערויש ווי ס׳וואלט זיך יא אין זיי עפעס געקאכט און איבער פולמוס דעם פאליציימאן, אז זיין היטל האט זיך אנגעשטעקט מיט צרעת און איבער דעם מופטיס שטעקשיך, וואס זאלן גיין צוזאמען מיט זייער בעל־הבית אין דער ערד אריין. אזוי איז יענער מענטש זיך געזעסן און געפאטשקעט א ווארט מיט א ווארט ווי דער שטייגער איז פון איין גוטן שכן מיט א צווייטן. צום סוף האט ער אויפגעהערט מיט יענע ענינים און געזאגט: „עפעס זע איך מער נישט דיין אקס“. **האט ער צו אים** געזאגט: „מען זעט אים נישט?“ זאגט יענער: „וואו איז ער?“ זאגט ער צו אים: „ר׳איז געגאנגען זיך נעמען א ווייב“. האט יענער צו אים א ווינק געטון מיט אן אויג און געפרעגט צי ער געפינט אדער האט ער שוין טאקע געפונען? ענטפערט ער אים, אז ער האט טאקע שוין געפונען. פרעגט יענער ווידער: „ווער איז דאס דאזיק ווייב?“ זאגט ער: „ס׳איז דיין טאכטער!“ גלייך האט דער שכן פארשטאנען, אז אבי השור פלאנט עפעס שלעכטס קעגן זיין טאכטער. און זי האט ער ליבער געהאט ווי אלע זיינע איבריקע זין און טעכטער, ווייל די מאמע איז מיט איר מעוברת געווארן אין א פעלד פון זאפרן און דערפאר האט מען זי גערופן כרכומית — זאפרן.

זאגט יענער צו אבי השור: „דערלויב מיר דיך עפעס צו פרעגן. צו וואס דארף ער מיין טאכטער, ער קען דאך נעמען א קו, א שיינע קו פון גוטע קי? טאמער איז איינע אים ווייניק, וועל איך אים געבן צוויי קי, קי, וואס זעען אויס שיין און זענען געזונט, וואס קיין יאך איז נאך נישט אויף זיי ארויף. דו לאכסט מסתמא פון מיר, מיין אלטיטשקער. זעסט דאך, אז איך רעד צו דיר גוטע און ריכטיקע רייד“. האט אבי השור געענטפערט און געזאגט צו אים: „דו וואס דו האסט נישט אפילו קיין איין הארץ, איז דיר איין ווייב נישט גענוג, נאר האסט גענומען א דריטע און א פערטע, מיין אקס, וואס האט צוויי הערנער, דערפילט דאך אודאי און אודאי נישט זיין חוב מיט צוויי ווייבער!“ זאגט דער שוחט פונם אקס צו אבי השור: „וואס מיינסטו, שכן מיינער, **אויב איך** וועל אים געבן דריי קי אדער פיר קי צי אפילו פינף קי, וועט ער לאזן מיין טאכטער צורו?“ זאגט אבי השור: „אזוי ביליק איז דיין טאכטער אין דיינע אויגן, אז דו ווילסט זי באפרייען מיט פינף קי?“



וואס זאלן מיר דא נאך מאריך זיין און דערציילן, זיי האבן זיך נישט געריררט איינער פונם אנדערן ביז ער האט אים געגעבן זיבן געזונטע קי און מיט זיי זיבן קעלבער אן א מום, וואס דאס קלענסטע פון זיי האט געוואויגן אזויפיל ווי כרכומית אליין. און נאך אלץ האט אבי השור זיך נישט געפילט צופרידנגעשטעלט ביז דער שכן זיינער האט גענמערט און אים צוגעגעבן **אזויפיל און אזויפיל** שטיקער לאנד און אזויפיל און אזויפיל פעלדער. איר מיינט אפשר אז ער האט אים זיי געגעבן בלויז אויף פאשע, נייך, ער האט זיי אים געגעבן לצמיתות אויף אייביק, וואס דער תרגום מאכט לחלוטין אויף אייביק.

דאס איז די מעשה פון אבי השור און זיין רינד, וואס מ׳האט אויפגעגעסן ביזן לעצטן פונט און איבערגעלאזן פון אים די הערנער אליין. השם יתברך זאל **אונז ביישטיין!**

איבערגעזעצט פון עברית א. אלמוג

אייזיק גאלדבערג

## חיים נח בענקוויטש צו זיין ניינציקסטן געבוירן - יאר

צו געבן, אין אלגעמיין, אן איבערבליק איבער חיים נח בענקוויטש ביז זיין ניינציקסטן געבוירן־יאר, בין איך נישט בכח, ווייל איך קאן אים בלויז פון זיין „יוגנט־צייט“ — אן ערך פון אריבער א צענדליק יארן. דאס מיינט אז די ערשטע זיבעציק יאר רעכנט מען דאך נישט. קומט אויס, לויטן חשבון, אז פריינט בענקוויטש ווערט איצט „צוואנציק יאר“ אלט . . .

טראץ דעם פיל איך צו אים עפעס אזא נאנטע פריינטשאפט, אז עס האכט זיך מיר אויס ווי איך וואלטאים שוין טאקע געקאנט באלד ניינציק יאר . . . אבער דער חשבון שטימט אויך עפעס נישט אינגאנצן, ווייל גייסטיק האלט ער זיך ווי איינער, וואס איז אין די פופציקער. הלואי ווייטער נישט ערגער . .

צוגייענדיק, בכלל, מיט א קורצער אפשאצונג, קאן מען פריינט בענקוויטשן באצייכענען ווי א וואוילן, קלוגן און הארציקן מענטש מיט הומאר; א ייד א בר־דעת אין יידישע ענינים. דערצו איז ער נאך א בקי אין אונזערעביידע ליטעראטורן — סאי אין דער יידישער סאי אין דער העברעאישער. אויך קאן ער זיך גוט אויס אין אונזערע ביידע יידישע לשונות: יידיש און עברית. אינטערעסאנט איז נאך, אז ווען מען באגעגנט אים אויף ענגליש־יידישע מיטינגען, גראד וואו מען דארף נישט רעדן קיין יידיש, נאר דווקא ענגליש, נעמט ער אן אנטייל אין דיסקוסיעס אויף ענגליש, אזוי, אז מען קאן זיך באלד טועה זיין און מיינען, אז ער איז אן ענגליש־געבוירענער ייד, ווייל אזוי רעדן ענגליש איז קוים־בנמצא ביי אהערגעקומענע פון זיין עלטער. טראץ דעם איז ער א געטרייער „חסיד“ פון ביידע לשונות אונזערע — יידיש און עברית.

ווער שמועסט נאך, אז ווען ער קומט צו די „יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס“ און באטייליקט זיך אין פארלייענען פון דער יידישער ליטעראטור פילט ער זיך גאר דערהויבן . . .

עס איז אויך ווערט דא אנצואווייזן אויף די אינטערעסאנטע זכרונות וואס ער שרייבט פון צייט צו צייט אינם זשורנאל „לשון און לעבן“ איבער דעם אמאליקן לעבן אין יידישן ווייטשעפל, דערמאנענדיק אלט שוין פאר־געסענע נעמען. טיילמאל פארבינדט ער זיינע ווייטשעפלער זכרונות מיטן יידישן שטעטל, פונוואנען ער איז אהערגעקומען.

ער געדענקט נאר גוט דאס יידיש־ברויזנדיקע לאנדאן־ווייטשעפל פון אריבער זיבעציק יאר צוריק, באשרייבנדיק די, וועלכע זענען דא געווען אקטיוו און באקאנט אין דער יידישער געזעלשאפט און אויך יענע, וואס האבן געשפילט א באדייטנדיקע ראלע אין ציוניסטישן לעבן. ער אליין איז אויך תמיד געווען פארבונדן מיטן היגן יידיש־געזעלשאפטלעכן לעבן — איינער פון די ציוניסטישע וועטעראנען. דערפאר טאקע זענען אים באקאנט די אלע „פני“ פון היינט און פון וועמען זיי שטאמען.

נו, ווי קאן מען אנדערש זאגן אויף אזא ייד ווי ר׳ חיים נח? ער איז באמת א כל־בו —מיט אלע מעלות און עס איז א נחת רוח מיט אים צו פארברענגען; איבערהויפט דעמלט, ווען ער נעמט דערציילן פון דעם פאר־גאנגענעם יידישן ווייטשעפל. איין שאד בלויז, אז ווען ער קומט איצט אמאל קיין ווייטשעפל, פונוואנען דאס ברויזנדיקע יידיש־לעבן איז פארשוואונדן, איז אלץ גאר אזוי אנדערש געווארן. ער דערקאנט עס גארנישט מער. ער פילט זיך דא עפעס אזוי פרעמד און עס בענקט זיך אים נאך די קליינע, שמאלע יידישע געסעלעך, וואו מ׳האט זיך געקאנט מיט די הענט אריבער־גרייכן און אפגעבן שלום עליכם . . .

איצט אפאר שטריכן וועגן זיין פריוואטן לעבן. איך בין נישט קיין מומחה דאס ברייט צו באהאנדלען, אבער — ווי זאגט מען? — א גאסט אויף א ווייל זעט אויף א מייל. איך באוואונדער טאקע די זעלטענע ווארעמע באצי־אונג פון זיינע קינדער, אייניקלעך, אור־אייניקלעך און אלע צוגעהעריקע צו אים. עס איז איין־לשער . . בלויז אזעלכעס צו דערלעבן לוינט זיך שוין צו ווערן א ניינציק־יאריקער בעל־יובל !. . .

אחוץ דעם אלעם, האט ער סתם גוטע פריינט, מיט וועלכע ער לעבט זיך אויס אי גייסטיק אי פריוואט. ספעציעל איז ווערט צו דערמאנען די פריינט־שאפט זיינע מיט פרוי גייפמאן, וואס איז אן אייגענע אין דער פאמיליע. הגם זי וואוינט אין א געגנט ווייט פון אים, זעען זיי זיך כמעט יעדן טאג און גייען צוזאמען אויף מיטינגען, לעקטשורס און צו פריינט. אן איר וואלט עס אים געווען אוממעגלעך צו טון. די פאמיליע זיינע פארשטייט עס און ווייסט ווי דאס צו שעצן. ווי שוין געזאגט מען האלט זי פאר אן אייגענע אין דער משפחה.

איז ווי מען זאגט עד־כאן — גענוג. אלעס אנדערע לאז איך איבער פאר די, וואס זענען באקאנט מיט אים א שפאר ביסל לענגער. דערפאר וויל איך פארענדיקן מיין אפשאצונג מיט די בעסטע ברכות פאר אים, ווינטשנדיק אים א גוט געזונט, נחת און אלדאס גוטס. זאל ער ווייטער אנגיין מיט זיין גייסטיקער טעטיקייט עד מאה ועשרים שנה!



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

4־5 (העפט 12־411) 34־סטער יאר אפריל־מאי 1973 לאנדאן

אינהאלט:

| | | |
|---|---|---|
| 19׳טער אפריל, צו דער ארגאניזאציע פון די פאראייניקטע פעלקער, יום העצמאות טאנץ, א.א. | *** | 3 |
| דערצייל מיין פריינד | אסתר ערליכמאן | 12 |
| ווארשעווער געטא־אויפשטאנד (ליד) | פייגע בערמאנט | 13 |
| צום 30׳סטן יארטאג פון דעם אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא | מאיר באגדאנסקי | 14 |
| פסח מיט די חיילים (זכרונות) | יוסף וויינשטיין | 19 |
| ישראל, א בלעטל פון א לוח (לידער) | עלא זילבערג | 23 |
| חרות־פסח (ליד) | אייזיק גאלדבערג | 24 |
| בנימין נייבערגער דער „דאזאר אויף א געלעכטער“ (פון דער סעריע טיפן פון מיין שטעטל זאקראשין) | יעקב דזשערגאווסקי | 25 |
| דער ווארשעווער געטא שטארבט (ליד) | ש. וויגאדסקי | 26 |
| לכבוד ישראלס 25׳סטער יום העצמאות (ליד) | דוד בערמאן | 27 |
| דער שורש (המשך), פרילינג־לידער, | א. נ. שטענצל | 27 |
| ר׳ יעקב קאפל גאלדבלום ז״ל, | ח. נ. בענקוויטש | 37 |
| מיר האבן זיך באגעגנט א דאנק דעם ענגלישן זומער, | יוסף וו. פ. סטאפעלמאן | 40 |
| לעא קעניג (בילד) | קלארא קלינגהאפער | 43 |
| כאטש דערמאנען זייערע נעמען | ש. | 46 |
| געשטארבן דער לעצטער בעל תפילה, א תפילה (לידער) | דוד איינהארן | 46 |
| דער איינציקער (ליד) | יעקב פרידמאן | 47 |
| אברהם פלאנצט אן איישלבוים (פאעמע) | אפרים אויערבאך | 47 |
| לאנדאנער קולטור ידיעות | | |

**יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס.** יעדן שבת 3 א זייגער אין בערנארט באראן סעטלמענט הענריקעס סטר. א.1, איינטריט פריי.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל

פרייז 10 פענס

**אבאנאמענט־פרייז: —26 שילינג פאר א יאר**

**אין אויסלאנד: —8 דאלאר א יאר**

**מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:—**

7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*